בסייעתא דשמיא

אידיש

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.




זרע שמשון הלימוד שמשפיע ישועות

פרשת וירא תשפ"ו

גליון 440

## אמרות שמשון

### דער אויבערשטער באשטראפט נישט, גוטע מיט שלעכטע צוזאמען

***וְאַבְרָהָם עוֹדֶנּוּ עֹמֵד לִפְנֵי ה'*** *(יח, כב)*. עס שטייט אין מדרש *(ויקרא רבה י, א)*, אברהם אבינו האט געפרעגט דעם אויבערשטן, ווי אזוי קענסטו חרוב מאכן סדום? דו האסט דאך געשוואוירן אז דו וועסט מער נישט ברענגן נאכאמאל א מבול אויפן וועלט, וואס איז א חילוק אויב דו ברענגסט א מבול פון וואסער אדער א מבול פון פייער?

**לכאורה** דארף מען פארשטיין, דער אויבערשטער האט נאר געשוואוירן נישט צו ברענגען א מבול אויף די גאנצע וועלט, אבער האט נישט געשוואוירן אז ער וועט נישט ברענגן א מבול בלויז אויף איין שטאט.

**דער** תירוץ איז, אז די עיקר שבועה איז געווען אז מען וועט מער נישט אויס'הרג'ענען גוטע מיט שלעכטע צוזאמען, אזוי ווי ביי די מבול וואס עס איז נישט געווען קיין חילוק צווישן גוטע און שלעכטע, אלע זענען באשטראפט געווארן אפילו שטיינער מיט העלצער.

**דעריבער** האט אברהם אבינו געפרעגט דעם אויבערשטן ווי אזוי קען מען חרוב מאכן גאנץ סדום, גוטע מיט שלעכטע. האט אים דער אויבערשטער געענטפערט *(יח, כו - לב)*, עס איז בכלל נישטא קיין צדיקים אין סדום, דעריבער קען מען חרוב מאכן די גאנצע שטאט. *(אות י' ד"ה וי"ל)*

### אנשי סדום ווערן בלינד וויבאלד זיי האבן געגלוסט פון אנדערע

***וְאֶת הָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר פֶּתַח הַבַּיִת הִכּוּ בַּסַּנְוֵרִים מִקָּטֹן וְעַד גָּדוֹל*** *(יט, יא)*. מען קען זאגן א טעם פארוואס די אנשי סדום זענען באשטראפט געווארן מיט דער עונש פון ווערן בלינד.

**לויט** ווי עס שטייט אין חז"ל *(סנהדרין צ.)* אז דער אויבערשטער באשטראפט 'מדה כנגד מדה', און וויבאלד אנשי סדום האבן אסאך געזינדיגט מיט זייער שלעכטע אויג, דורכדעם וואס זיי האבן געגלוסט געלט און זאכן פון אנדערע מענטשן *(עיין סנהדרין קט.)*, דעריבער זענען זיי באשטראפט געווארן 'מדה כנגד מדה' מיט'ן ווערן בלינד אין די אויגן. *(אות ט"ו ד"ה וגפרית)*

### די שטאט סדום ווערט באשטראפט צוזאמען מיט די מענטשן

***וַיַּהֲפֹךְ אֶת הֶעָרִים הָאֵל וְאֵת כָּל הַכִּכָּר וְאֵת כָּל יֹשְׁבֵי הֶעָרִים וְצֶמַח הָאֲדָמָה*** *(יט, כה)*. דער טעם פארוואס די שטאט סדום איז באשטראפט געווארן צוזאמען מיט אירע מענטשן, קען מען ערקלערן לויט ווי עס שטייט אין חז"ל *(סנהדרין קט.)* אז די סיבה פארוואס אנשי סדום האבן געזינדיגט איז געווען צוליב די גרויסע שפע וואס עס איז געווען דארט אין שטאט.

**דאס** איז צוגעגליכן צו א משל פון א קעניג וואס האט געגעבן זיין זון פאר א לערער *(מחנך)*, און ווען די זון האט זיך פארזינדיגט פארן קעניג, האט דער קעניג באשטראפט דער לערער, וואס ווָאלט געדארפט זען אז דער קעניג'ס זון זאל נישט זינדיגן.

**די** זעלבע איז געווען דא מיט די שטאט סדום, וואס צוליב דעם האבן זיי געזינדיגט, און עס איז באשטראפט געווארן אזוי ווי עס שטייט אין פסוק *(דברים כט, כב)* ***לֹא תִזָּרַע וְלֹא תַצְמִחַ וְלֹא יַעֲלֶה בָהּ כָּל עֵשֶׂב כְּמַהְפֵּכַת סְדֹם וַעֲמֹרָה אַדְמָה וּצְבוֹיִם אֲשֶׁר הָפַךְ ה' בְּאַפּוֹ וּבַחֲמָתוֹ***. *(אות ט"ו ד"ה וטעם)*

### דער אויבערשטער ווארט אסאך יארן מיט די נסיון העקידה

***וַיְהִי אַחַר הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה*** *(שם כב, א)*. עס שטייט אין חז"ל *(סנהדרין פט:)* די נסיון העקידה איז געקומען נאכדעם וואס דער שטן האט מקטרג געווען אויף אברהם אבינו אויף דעם וואס ער האט אפגעראכטן א גרויסע סעודה נאכן געבוירן יצחק.

**דער** שטן האט געזאגט פארן אויבערשטער, אז נאכדעם וואס דו האסט געגעבן א קינד פאר אברהם אבינו זייענדיג הונדערט יאר אלט, האט ער געמאכט א גרויסע סעודה, אבער ער האט נישט מקריב געווען קיין שום קרבן פאר דיר אויבערשטער, האט אים דער אויבערשטער געענטפערט, אויב וועל איך אים בעטן צו שעכטן זיין זון וועט ער מיר גלייך פאלגן.

**לכאורה** דארף מען פארשטיין, די נסיון העקידה איז געווען ווען יצחק אבינו איז געווען זיבן און דרייסיג יאר אלט, אסאך יארן שפעטער נאך די קטרוג פונעם שטן, פארוואס האט דער אויבערשטער געווארט אזוי פיל יארן?

**נאר** דער פשט איז, עס שטייט אין חז"ל *(סוטה ב.)* ***'ארבעים יום קודם יצירת הולד, בת קול יוצאת ואומרת, בת פלוני לפלוני'***. אויב אזוי איידער יצחק איז געבוירן געווארן איז ארויסגעקומען די בת קול אז ער וועט חתונה האבן מיט רבקה, און אברהם אבינו האט זיכער געהערט די בת קול, אויב אזוי האט אברהם אבינו זיכער געוואוסט אז יצחק וועט נישט געשאכטן ווערן, און עס איז מער נישט קיין נסיון.

**דעריבער** האט דער אויבערשטער געווארט אזוי פיל יארן כדי עס זאל זיין א אמת'ע נסיון, ווייל מען וואלט געזאגט אז איינמאל עס איז שוין אריבער אזוי פיל יארן, און רבקה איז נאכנישט געבוירן געווארן, און יעצט האט אים דער אויבערשטער באפוילן ער זאל גיין שעכטן יצחק, איז פשט אז דער אויבערשטער האט מבטל געווען די פריערדיגע בת קול, און יעצט וויל ער מען זאל באמת גיין שעכטן יצחק. *(אות כ"ו ד"ה אבל)*

בקרוב גם באידיש!
ספר
זרע שמשון
יום יום
להשיג בכל חנויות הספרים



תורמים
ורואים ישועות
אל תחמיצו!
שמות התורמים יתברכו
אצל גדולי הדור שליט"א
בשעת לימודם
בספר זרע שמשון.
הספר שמחולל פלאות.
אלפים נושעו בהבטחתו.
02-80-80-500
05271-66450
347-496-5657
/https://www.zerashimshon.co.il/donation

הוצאת הגליון
והפצתו לזכות

עושר והצלחה
שאול בן רחל
שיזכה לשפע ברכה בכל מכל כל
בלי גבול ומדה ויוכל להרחיב את עסקיו
בנחת ובשמחה בלי שום דאגה ויראה
רווחה כלכלית עצומה
ויוכל להגשים את כל שאיפותיו להגדיל
תורה ולהאדירה

רפואה שלימה
לידידנו היקרים המסייעים למען
ריבוי הלומדים בספר הקדוש
והמסוגל זרע שמשון הלא המה:
מנואל בן רבקה • אברהם בן אסתרייה • רמון בן רחל • לואיס בן שרה • דבורה בת יטע • איסאק חיים בן אדילה
שיזכו לניסים ונפלאות
וישלח להם ה' רפואה שלימה
ובריאות איתנה במהרה
ויזכו לעוד שנים רבות טובות
ומתוקות בבריאות בעושר ואושר
והצלחה בכל העניינים

זיווג הגון
אוראל משה בן לימור • שלום בן לילי • אלן בן דליה • שרה שרון בת סופיה • יוכבד ג'ובנה בת מירב תמר
שיזכו לזיווג הגון מתוך אושר
ושמחה בקרוב ממש

ישועה בכל
מרדכי בן רחל
לישועה והצלחה בכל העניינים
בריאות איתנה פרנסה בשפע
מתוך מנוחת הגוף והנפש בלי שום
הפרעות ורדיפות ושיתבשר
בשורות טובות בקרוב ממש

זש"ק בקרוב
התורמים הנכבדים
החפצים בעילום שמם
שיזכו להיפקד בקרוב בזש"ק

עושר וברכה
אשר אנשיל דוד
הלוי בן נילי
לשפע ברכה והצלחה גדולה
בכל עושר ואושר בקרוב

הצלחה ועושר
ברוך צבי ניסים
בן שושנה לאה
להצלחה גדולה בכל מעשי ידיו
ופריצת דרך בעסקיו בקרוב ויזכה
לשפע ועושר רב

עושר וברכה
יוסף בן לאה רחל
וכל השותפים עמו
שיזכו לשפע ברכה והצלחה
בלי גבול ומדה

לעילוי נשמת
הרב מרדכי רפאל
בן סולטנה ז"ל שבת
נלב"ע כ"ב חשון תשפ"ד
ת.נ.צ.ב.ה.

# גבורת שמשון
## סיפורי ישועה

## "וויזיקס תראינה" – איבערצייגענדע געשעענישן דער שיעור זרע שמשון
## • מבטל געווען אן אפּוינטמענט • אסאך בעסער און שנעלער

**עס פארציילט הרב ר' ישראל שלמה מ. שליט"א פון עיה"ק ירושלים תובב"א:**

**עס** איז געווען דאנערשטאג נאכמיטאג פרשת בראשית תשפ"ו, און דער מגי"ש הרה"ג ר' אברהם מרדכי זילבערבערג שליט"א רופט מיר אן, און בעט אז איך זאל קומען געבן די וועכנטליכע שיעור אין ספה"ק זרע שמשון אנשטאט אים, ווייל ער האט א שמחה אינדרויסן פון שטאט, און ער דארף עמיצער זאל אים איבערנעמען די קביעות'דיגע שיעור וואס ער געבט יעדע וואך ליל שישי אין ביהמ"ד 'היכל הישועות - זרע שמשון' אין ירושלים תובב"א.

**אין** די ערשטע מינוט בין איך געווארן זייער איבערגענומען, עס איז מיר געווען א געוואלדיגע חשיבות צו קענען געבן דער שיעור, איבערהויפט איז עס געווען א באזונדערע השגחה פרטית, צוליב וואס איך געב שוין איבער עטליכע יאר א שיעור אין זרע שמשון פאר א חשוב'ע חבורה יונגעלייט, און פונקט די וואך האט זיך געמאכט א זעלטענע אויסנאם אז עס גייט נישט זיין קיין חבורה, איז עס מיר געווען א הימלישע סימן אז מען ווייל איך זאל משלים זיין און איבערגעבן די שיעור ערגעץ אנדערש.

**נאך** עטליכע מינוט האב איך זיך געכאפט און דערמאנט, אז פונקט היינט ביינאכט האב איך א לאנג ערווארטעטע אפוינטמענט ביים אויגן דאקטער צו מאכן א לעיזער אפעראציע (LACIK), און עס איז מיר געווען שווער צו פארפאסן עפעס וואס כ'ווארט שוין לאנג דערויף.

**אבער** כ'האב זיך גלייך צאמגענומען מיינע מחשבות, און באשלאסן אז פון לערנען און איבערגעבן א שיעור אין זרע שמשון קען מען נישט פארלירן, איבערהויפט ווען עס קומט צוזאמען מיטן כח פון הרבים טאר מען עס נישט אויפגעבן, און איך האב געגעבן מיין צושטימונג אז כ'וועל קומען געבן דעם שיעור.

**גלייך** נאכדעם האב איך אנגערופן דעם דאקטער'ס אפיס און געמאלדן אז כ'וויל מבטל זיין מיין אפוינטמענט פאר היינט ביינאכט.

**איך** האב זיך צוגעגרייט עטליכע שטיקלעך אינעם ספר וואס מ'גייט פארלערנען און זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג צום שיעור. ממש ביי אנקומען אין ביהמ"ד, טרעף איך ביים טיר אן אלטע ייד וואס כ'האב שוין לאנג נישט געטראפן א לאנגע צייט, און ער איז אויך געקומען זיך באטייליגן ביים שיעור.




**זייענדיג** אריינגעטאן אין די נושא פון גלעזער, האב איך באלד באמערקט מיט מיין ערשטע בליק אז ער האט נישט קיין גלעזער, און זינט איך קען אים איז ער שטענדיג געגאנגען אנגעטאן מיט גלעזער.

**איך** פרעג אים, וואס איז פשט? וואו איז דיין גלעזער? ענטפערט ער, אז מיט עטליכע חדשים צוריק האט ער געמאכט א לעיזער אפעראציע און האט שוין נישט קיין גלעזער.

**שמועס'נדיג** מיט אים האב איך געזען אז ער האט זייער גוט דורכגעטון די נושא מיט א גרינטליכקייט און קלארקייט, ער קען זיך גוט אויס, און ווייסט צו זאגן וואו איז די בעסטע פלאץ צו גיין, און ווער איז דער גרעסטע דאקטער צו נוצן. און האט צוגעלייגט אפאר גוטע עצות און וויכטיגע זאכן וואס ס'איז גוט צו וויסן ווען מען וויל מאכן דעם פראצעדור.

**צומארגנ'ס** האב איך באשטעלט א פרישע אפוינטמענט, טאקע אין א אנדערע פלאץ, דארט ווי יענער האט מיר רעקאמענדירט, און זיי האבן פונקט געהאט גרייט א ליידיגע אפוינטמענט פאר בלויז א וואך שפעטער.

**דער מגי"ש ר' אברהם מרדכי זילבערבערג שליט"א, לייגט צו און פארענדיגט דער לעצטע חלק פון די מעשה:**

**אביסל** שפעטער - פרייטאג פרשת לך לך - טרעף איך ר' ישראל שלמה און ער צייגט מיר אויף זיינע אויגן אז ער האט שוין מער נישט קיין גלעזער, און זאגט מיר אז דאס איז אלץ בזכות דער הייליגער זרע שמשון, וואס דורכן שיעור איז ער אנגעקומען צו די ריכטיגע פלאץ, און די גאנצע פראצעדור איז אריבער מיט הצלחה אן קיין ווייטאג, און האט מיטגעהאלטן אפענערהייט אז 'אין אדם שומע לי ומפסיד', דורכן אויפגעבן זיין לאנג ערווארטעטע אפוינטמענט, האט ער עס באקומען אסאך בעסער און שנעלער ווי ער האט זיך גערעכנט, זי"ע..

**אל תחמיצו את ההזדמנות ללמוד להבין ולהתענג ובכך להביא ברכה וישועה**

**02-80-80-500 • 05271-66450 • 347-496-5657**


**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.**

צו באקומען דעם גליון וועכנטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצייגענדע פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com

אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450 www.zerashimshon.com

**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

זרע שמשון — האיגוד העולמי להפצת תורת

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות,
צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין
צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17)
סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון
כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

זרע שמשון ע"ר 580624120

**וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, וישפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו**